STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07762

DIKHTER UN DIKHTUNG

Abraham Baer Tabachnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. טאַבאַטשניק

דיכטער און דיכטונג

אַרויסגעגעבן פון
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד
ניו-יאָרק, נ. י., 1949

א טאַבאַטשניק
דיכטער
און
דיכטונג

דערשיינט אין 500 עקזעמפּליאַרן.
פאָדערבלאַט און באַצירונגען פון י. טאָפּעל.

Copyright
by
A. Tabachnick
1949

ווערטער וואַקסן אויף דער ערד ווי ביימער,
און דיכטער מיט בלויע העק און בלאַנקע מעסער
שניידן די ביימער און בויער שלעסער
פאַר אַטענישע בירגער און שטאַטלעכע רוימער,
פאַר ווילדע הונען און הייליקע קריגער,
און פאַר יעדן איינעם וואָס טרעט אויף דר׳ערד
און פילט זיין האַרץ ווי אַ שאַרפע שווערד,
און ציט די גלידער ווי אַ גיריקער טיגער.



קאַרל מאַרקס שרייבט אַ בריוו זיין פאָטער

ליבער פאָטער! עס זיינען פאַראַן מאָמענטן אין לעבן — ווי גרענעץ־שטיינער צייכענען זיי אָפּ דעם סוף פון אַ פעריאָד און ווייזן גלייכצייטיק אָן אַ נייע ריכטונג... אין אַזוינע מאָמענטן ווערט איינער ליריש.

פון אַ בריוו פון 1837.

ס׳איז נאַכט, סיאיז שטיל. שויבן פליעסקען
ווי וואַסערן מיט שטילקייט און מיט שטערן.
אַ טיש, אַ שטול, אַ קאַמין מיט אַראַבעסקן,
און ביכער אומעטום ווי שטיגן צו די שטערן.

ס׳איז נאַכט, ס׳איז שטיל און נייגצן שלאַנקע יאָר
ווי נייגצן דינע קנויטן — אָט לעשן זיך, אָט ברענען,
און ציטערן מיט בענקשאַפט פון אַ דור,
וואָס וועט זיין כוח אין „מאַניפעסט" דערקענען.

קאַרל העגריך מאַרקס, דער זון פון הירשל מאַרקס,
זיצט ביים טיש און שרייבט אַ בריוו זיין פאָטער.
די נייגצן שלאַנקע יאָר ציטערן און צאַנקען.
ע ר, פון גראַדן וועג און שטרענגער קאָנסעקווענץ,
וואָס ראַנגלט זיך מיט סאַוויניס יוריספרודענץ,
ווערט איצט געריגט פון לירישע געדאַנקען:

אָ, פאָטער ליבער, עס קומען טעג, ווי גרענעץ־שטיינער,
זיי צוימען אָפּ אויף אייביק יענעם וועג,
וואו איך בין יונג, אין רויש פון ערשטן בלי,
ווי דורך סעדער דופטיקע געגאַנגען —
שיכור פון טרוים, פון ריִם,
פון שטילע שעהן נאַכט אין קילן אינדערפרי,
פון רדישיקן פאַרמעסט און ראַשיקן פאַרנעם...
אָ פרילינג גאָלדענער אויף יוגנטלעכער ברעם!
אָ בליאונג־טעג! וואו זיינען זיי פאַרגאַנגען?
ווי לייכט ס׳איז דאַן געווען די שטערן צו דערלאַנגען!
די שטערן זיינען וויַט...

נאָר זע! דורך לאַנגע שורות טעג,
ווי זון, ווי פייער שטראָמט אַן אויפגעפּראַלטער וועג...
די זעאונג טונקלט... ס'איז יענער וועג נאָך ווייט...

דאָך פּאָטער, גלויב!
שוין איצט, אין מיינע ניינצן יאָר —
איך הער: עס רופט דורך אויפשטאַנדן מייז אויפגעוואַכטער דור;
מיין וואונדערלעכער דור, וואָס טראָגט אין זיך דעם חלום און די וואָר
פון הונדערט ווייטע קומענדיקע יאָר!
נאָר יונג בין איך; נאָך יונג מיט זיכערקייט און מוט
צו זאָגן אַלץ, וואָס מיר באַשערט איז זאָגן.
ס'איז העגעל אין מיין קאָפּ, אָווידיוס אין מיין בלוט,
און ס'טוט דאָס האַרץ פאַר זשעניעס אויגן שלאָגן.

— — — — — — — — — — —

אָ זשעניע! פון שווינדלענדיקע הויכן פון געדאַנק,
קום איך אַראָפּ פאַר אירע פיס צו קניען.
עס שלאָגט דאָס האַרץ, די אויגן גליען,
ווי אין אַ גוטן חלום, זע איך איר אויפגעהעלט געזיכט.
זי איז דאָס ליכט, וואָס גייט מיר אויף אין נעפּל;
אין נעכט פאַרוואָלקנטע — אַ האָרן פון לבנה,
און ווען עס יאָגט פאַרצווייפלונג אַן די טעג —
איז זי די מונטערונג, די זון מיר אויפן וועג.

ווי גוטע האָפענונג, באַרוישט איר שטים, איר וואָרט, איר וואָך געזיכט;
אָ זשעניע... נאָר זע עס ווערט דער בריוו אַ ניט־געצוימט געדיכט,
און דיר און מיר — אונדז ביידן איז דערווידער,
ווען ס'ווערט פון וואָרט אַ קוואָרט מיט אויפגעשוימטע לידער.

אָ לידער, אויפגעשוימטע לידער! פאַרגיב זיי מיר, אָ פאָטער ליבער.
זיי זיכער, דאָס איז אַ בלאַט וואָס כ'מיש אַצינדערט איבער.
לידער, מיין פלאַמיקער באַגין,
ווי פריילעך ס'נעמט זיי אויף דאָס פייער אין קאַמין.

ליד פון היינעז, פון בייראַנעז, פון שעלין,
ווי ווייַן, ווי ברויט זאָל אויף מייַן טיש ניט פעלן,
נאָר ניט פון זייער הייך און ניט פון זייער ראַנג...
מייַן ליד איז שוים, וואָס שלאָגט זיך אָפּ ביים ברעג פון ברויזיקן געדאַנק.

דאָך גליט אין ליד מייַן ווילן, מייַן פאַרלאַנג;
דאָך גליט אין ליד דער פראָסט און פיבער
פון גלידער, וואָס ווילן אויף אַמאָל אַרומנעמען די וועלט
וואָס ווילן וואָרצלען שלאָגן אין דער ערד און שטייגן צו די הימלען...

ווי ליב איך האָב צו וואַרעמען אַ ליד. נאָר נאָך אַיעדן ליד
בלייב איך פאַרוווירט, פאַרשעמט.
עס קוקט דאָס ליד פאַרגליווערט, קאַלט און פרעמד,
און נאָגט, און מאָנט, און וואָרנט:
פאַרברען, פאַרברען! דערצאָרנט
הייב איך די האַנט און שווער:
ניט מער... שטריך צו שטריך —
איך וועל זיך אויפזאַמלען, כ'וועל ווערן א י ך;
אינגאַנצן א י ך; אינגאַנצן ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס;
ווי אַ פּלאַנעט זיך דרייען אויף מייַן אַקס...

— — — — — — — — — — —

נאָר ביז דער טאָג וועט קומען —
אַ פאָטער ליבער, בין איך אַ פרילינג־טייך מיט פרעמדע וואַסערן
פאַרשוואומען...

זיינע לעצטע ווערטער

די נאַכט גענענט. די לעצטע טראָפּנס ליכט,
ווי טוי פֿאַרצינדערט פֿאַלט אויף מיינע מידע אויגן.
אַ, קעניג־טויט, כ׳וועל מוזן נייגן
מיין שטייפֿן רוקן פֿאַר דיין הויכגעריכט.
עס בלייבן נאָך אַזויפֿיל ווייסע, לערע בויגן,
די טיפֿקייט ניט דערלאַנגט נאָך ביזן לעצטן שיכט,
עס שטייט נאָך אַרום מיר אַזויפֿיל שווערגעוויכט
צו וואַרפֿן אויף דער וואָג, וואָס האָט די וועלט געוואויגן.

דער בעכער פֿאַלט, דעם וויין נאָך ניט דערטרונקען,
דער גומען ברענט, דעם דורשט נאָך ניט געשטילט,
אַ האַלב געזיכט אין שאָטן שוין פֿאַרזונקען, —
ווער האָט פֿאַר מיר די לעצטע קאָרט געשפּילט,
און האָט פֿאַרשפּילט? אַ מיינע שאַרפֿע סטראָפֿן,
צום לעצטן מאָל האָט איר בלויז מיך געטראָפֿן!

ביסט גרויס געווען

ביסט גרויס געווען, דערלאַנגט די זון,
און מיט דער האַנט געקליבן שטערן,
און ווי אַ ווילד־צעיושעטן טאַבון,
ווער האָט געקאָנט דיך צוימען און דיר שטערן?

ביסט גרויס געווען און מעכטיקער אַפילו
פון קעניגן, אָ, קריגער, ליבהאָבער און דיכטער!
נאָר שטויב צו שטויב... און שטילע,
צו קאָפּנס טרויערן די בלומען און די ליכטער.

וואו איז דער רום פון אַלע דיינע זיגן,
דער ווייסער פלאַם פון דיינע העלע רייד?
אין האַלב־פאַרמעקטע ווערטער. אַ האַלב־פאַרשטומטער ניגון —
אַ העלע שווערד וואָס זשאַווערט אין איר שייד.

און ס׳וויינט דאָס האַרץ און פרייט זיך דאָך צוגלייך,
די עכסטע הייך ווער קען פון אונדז דערלאַנגען?
דורות קומען אָן און ווייטן בליען רייך,
און זינגער וועלן זינגען רייכערע געזאַנגען.

עס וויינט דאָס האַרץ און פרייט זיך דאָך צוגלייך,
די עכסטע הייך האָט ניט דערלאַנגט נאָך קיינער.
דורות קומען אָן און ווייטן בליען רייך,
און הויך ווי דו וועט אויפגיין נאָך ניט איינער.

מאָריס ראָזענפעלד אין טאָג
פון זיין 60־יאָריקן יובל

ער לייגט די פען אַוועק און גייט צום פענצטער צו
און קוקט אַרויס: — אָט דאָס איז זי די גאַס,
וואָס צוליב איר האָב איך פאַרלאָזט די שענסטע רו
און זיך געקאָכט אין קעסל גאַל און האַס!

אָט דאָ בין איך געווען דער בעטלער און דער פרינץ,
מיט אָדלער־שוואונג פון שפלות זיי געהויבן;
מען האָט מיר אָפּגעצאָלט מיט מכות און מיט מינץ
און מיט אַ קאַלטן גאַוהדיקן לויבן.

שטיי אויף, אַ מוזע, טו אַ בליק,
וואָס ס'איז פון דיכטער דאָ געוואָרן!
כ'האָב אויסגעקוּ־ענקט דאָס אָרעם ביסל גליק:
די רויז — פאַרוועלקט, געבליבן איז דער דאָרן.

זיי ווייסן דען? ניט דאָס האָב איך געוואָלט,
גערופן האָבן מיך די פייגל אין די וועלדער,
און פאַר מיין אויג האָט זיך אַ גליקלעך בילד געמאָלט
פון זומערדיקע זון־פאַרפלייצטע פעלדער.

נאָר ס'האָט אַ שטים אין מיר געבאָטן — זינג
דעם קרעכץ פון שקלאַף, דאָס ליד פון זיינע יאָכן.
ס'האָט זיך אַ ריס געטאָן דאָס האַרץ,
ס'האָט אויפגעפלאַמט די צונג —
דאָס ליד האָט זיך ווי לאַווע דורכגעבראָכן,

און האָט געשטראָמט מיט לאַוועדיקן גוס,
געצונדן הערצער, אויפגעוועקט פאַרלאַנגען;
נאָר... צום קאַלטן באָדן העפט דער פוס,
עס פאַלן צו דער ערד די שטורמישסטע געזאַנגען.

מ׳שטייגס געזאָגט, מיין ראָנג, מיין ווערט; ווי עלנט איך בין איצט,
די אויגן מאַט, דאָס האַרץ איז ווי געשטאָרבן.
און ע ר דער ב ל י י כ ע ר זיצט נאָך אַלץ און שוויצט,
און מאַטקע פאַרעך לויערט אויפן קרבן.

געזיגט האָט מאַטקע: — פאַרלאָכט מיין בריל, פאַרשריגן מיין געזאַנג;
דער ל י י ב איז אַלט און אויסגעהאַקט די ציינער;
אַ בערגל אַש אויף יעטווידן פאַרלאַנג;
ע ר האָט דאָס פלייש, עס וואַרגן מיך די ביינער.

דער זין דערפון? ס׳איז אָנהייב, אָדער סוף?
אַ נאַרן־שפּיל, צי גאָר אַ בייזער חלום?
די לעדלעך פאַלן צו ווי פאַר אַ שווערן שלאָף,
איז ד אָ ר ט דער לאַנג־געגאַרטער שלום?

נאָר היינט איז יובל־נאַכט, היינט זיך איך אויפן טראָן,
אַ קעניג ליר, וואָס ז י י ביים לעבן אַרבן,
אַ פּורים־רב אין מאַנטיע און קרוין,
אַ קראַנקער ייד, וואָס איז שוין גרייט צו שטאַרבן. —

עס ברענט דיין וואָרט

עס ברענט דיין וואָרט אויף די ליפּן,
און איך רייס זיך צו דיר מיט מיין בלוט;
איך וועל גיין מיט דיר דורך פייער,
איך וועל גיין מיט דיר דורך בלוט.

אַרום איז אַ מדבר, און דו ביסט דאָס דורשטן
פון שטיינער, פון ביינער. פון זאַמד,
צווישן זאַמדן, צווישן שטעכיקע קוסטן
האָט אַ דאָרן געפלאַמט און געפלאַמט.

דיינע רייד זיינען רייד פון אַ נביא
רייד פון פייער און הייליקן מוט;
איך וועל גיין מיט דיר דורך פייער,
איך וועל גיין מיט דיר דורך בלוט.

דו ווי אַ וואָלקן און איך ווי דיין שאָטן;
דו ביסט דאָס פייער און איך בין די קויל.
איך וועל שטייגן מיט דיר אין די הייכן
ווי דער שטויב, וואָס קלעפּט צו דיין זויל.

אויפן טויט פון זישאַ לאַנדוי

Aרום זיין בעט אַ כאָר פון היינעס עלפן,
מיט זילבער־קלאַנגען קלינגט זיין חברס בלויער פערד...
ער שטאַרבט, קלאָגן; מיר קענען מער ניט העלפן;
זיין בלאָנדער קאָפּ ווערט אַש, זיין ליכטיק פּנים, — ערד.

אַ דיכטער ליבער, ליכטיקער און בלאָנדער!
דער אָוונט שליסט די בלויע לאָדנס צו;
אין בלויען שיין אָפעליאַ און דזשיאָקאָנדאַ —
זיי עפענען פאַר אים די טויערן פון רו.

דער טשעכאָנאָווער, סטריקאָווער, בעל־שם — זיי זיינען אַלע דאָ;
זאָגן תהילים, צינדן ליכט, און היטן זיין צוקאָפּנס,
און אים צופוסנס קניט די פרוי אין שאַרלאַך־רויט
פון עדגאַר אַלען פּאָ, קוזמין און קאַרלאָ גאָצי,
און ס׳רינגלען אַלעמען אַרום
טויזנט ריטער פון דער בלויער בלום.

און וואָס עס קומט אין פּאָדער־הויז איצט פאָר,
וואו עס שטופּן מענער זיך און פרויען
מיט פּנימער פּאַראומערט און פּאַרלאָשן,
וואָס טראָגן לויט דער צייט פון יאָר
ר׳עק, מאַנטלען, שאַלן און קאַלאָשן
איז קאַמופלאַזש, איז בלויז די גרויע בידנע וואָר.

אַזאַ לוויה טרעפט בלויז איין מאָל אין אַ דור,
מען איז מיט אים געגאַנגען דורך אַ טאָל,
וואו הונדערט פרילינגס בליען מיטאַמאָל,
און שטראָמען, טייכן, קוואַלן, און בלויע נאַכטיגאַלן
זינגען אין אַ כאָר.

און ווען עס האָט דער לעצטער שטראַל דערברענט,
האָט קאָלומבינע, ווי אַ קראַנץ אַרום זיין קאָפּ פאַרבראָכן אירע הענט
און שטיל געזאָגט: — שלאָף מיין אַרלעקין, מיין בלאָנדער זישאַ לאַנדוי!
די גרויסטע טעג האָסטו געצונדן פיאָלעט!

מען וועט דיך ניט פאַרגעסן, ווי לאַנג אין יידיש־לאַנד
וועט קלינגען פריי דאָס ליד פון אמתן פּאָעט!

עס איז געשען

סאַטשע דילאַנען

עס איז געשען, אַז ער, וואָס האָט זיין ליד
פון זייענס, שינען, לאַמעדן געוועבט,
וואָס האָט מיט גאָלדפעדים און פערל
אויף אַטלאַסן און סאַמעטן געהעפט,
ער — פון הויכן יחוס און פון טיפער עלעגאַנץ,
פּאָעט, עסטעט פּאַר עקסעלאַנס,
איז מיד געוואָרן,
שטיל געוואָרן,
איז געשטאָרבן,
ווען מען האָט זיין יחוס־ליד פאַרדאָרבן.
און פאַרן טויט האָט ער אַזוי געזאָגט:
— ס׳איז גאָרנישט ניט געשען —
הירש לעקערט האָט געשאָסן אין פּאָן וואָל
און האָט דערשאָסן מיין בלויען נאַכטיגאַל.

איז שרייבן לידער שרייבט ניט מער שוין דער,
וואָס איז געווען פון הויכן יחוס און פון טיפער עלעגאַנץ,
פּאָעט, עסטעט פּאַר עקסעלאַנס,
נאָר שניידער, שוסטער, פּראָסטע ברידער,
איזיס, איציקס, חנאס,
(די מיט די רויטע פּאָנעס)
וואָס יאָגן זיך אויף פייערדיקע פערד,
צוימען ווינט און זייען שטורעם אויף דער ערד,
און לאַכן, לאַכן...
וואָס קען מען מיט דער חברה מאַכן?

ס׳האָט זייער הירש געשאָסן אין פּאָן וואָל
און האָט דערשאָסן מיין בלויען נאַכטיגאַל.

אברהם משה דילאָן

ס׳איז לייכט געוועזן אים דאָס שטאַרבן
אין פּולן ליכט, אין ליכט פון האַרבסט,
ווען האַרבסט מיט אַלע זיינע פאַרבן —
גייט דורך וואַלד און פעלד און פאַרבט.

די בלייכע פלאַנצן פאַרבט ער בונטער,
די קליינע ביימלעך צירט ער אויס,
און לייגט אַ הויפן בלעטער אונטער
דעם מאַן, וואָס שטאַרבט ביי אים אין שויס.

און צינדט אָן ליכט אין אַלע רוימען,
ער זעט און שמייכלט שטיל און גוט,
און אברהם משה אין זיינע טרוימען,
ווי האַרבסט אין זיינע פאַרבן רוט.

און זעט, און הערט די סטראָפן קלינגען
אין וויטן דורכלויכט, אין שיין,
און אַלע ביינציק לידער זינגען
און פירן אים אין רו אַריין.

ס׳איז לייכט געוועזן אים דאָס שטאַרבן
אין שיין פון האַרבסט, אין שויס פון האַרבסט,
ווען האַרבסט מיט אַלע זיינע פאַרבן —
גייט אויף די וועגן אום און פאַרבט.

ביים קבר פון אבאָ שטאָלצענבערג

[ניטאָ מער די פלינקע טריט, און ניט דער הייסער אָטעם
פון זיין יינגלשן ליד. איינגעמידט איז ער איינגעשלאָפן
אונטער אַן ערדענער שוועל און דריי שטיינערנע טרעפּ.
(די ביימער שאָקלען מיט די שנייאיקע קעפּ
און דרימלען אין ווייסער חכמה).

ער פילט ניט זיין שלאָף און איז פריי,
ער ווייסט ניט פון אויפשטאַנד און ניט פון רו.
בלאַנקער שלאָף, ליידיקער חלום, אייביקער באַשטאַנד.

שלאָף, שלאָף אין שאָטן פון ווייסער חכמה!
ווען דער פויגל וועט קומען מיטן גאָלדענעם שיין,
וועט ער זינגען אַ פרילינג־ליד אין דיין שלאָף אַריין,
אין דיין חלום אַריין, און גאָרניט וועט אין דיר אויפגיין,
און גאָרניט וועט אין דיר אויפציטערן, און גאָרניט
וועט אין דיר הערן; דיין ליידיקייט, דיין אייביקייט,
וועט גאָרנישט מער שטערן.

ווערטער

עס זייַנען ווערטער ליכטיקע קרישטאָלן ;
דו זעסט דורך זיי ווי דורך אַ כּישוף־גלאָז,
ווי ס׳ווערט אַן אָרעם הויז פֿאַרוואַנדלט אין אַ שלאָס.
און נעמען ווערטער גיין אין ריטמיש גלייכע צאָלן,
און זינגען אויף און נעמען בילדער מאָלן
אין בלענד פֿון טאָג, אין אָוונטס מילדן ראָז,
גייט אויף אַ פֿרייד, ווי זון אויף יונגן גראָז.
נאָר ווען דאָס וואָרט בליצט־אויף אין אָרעאָלן,
ווי אויף בלשצארס וואַנט — באַשייד אין יעדן אות,
און גיסט דעם וויין פֿון קרוג און שלאָגט אַרויס דעם כּוס,
און רופֿט, און פּראוווט, און וועגט אויף וואָרע שאָלן,
און פֿירט ווי דאַנטע דיך דורך גיהנומדיקע טאָלן, —
דו גייסט אים נאָך אַ באָרוועסער אויף גלאָז —
עס שפּריצט דיין בלוט און פֿלעקט דאָס יונגע גראָז.

יידיש־פאָרשער

ער איז געווען ווי דיכטער און ווי זינגער:
געזונגען אַ געזאַנג, נאָר אויף אַן אַנדער אַרט
ווי די, וואָס מאַכן וואָרט צו וואָרט צו קלינגען
צאַרט. געדמיונט, געאייפערט, האָרב און האַרט
גערעדט. די וואָרטליבשאַפט האָט טויזנט צינגער.
געווינטשופלט די שפּראַך ווי זוימען, איינגעשפּאַרט
געזויבערט אות און זילב, און וואָרט געפינגערט
ווי אַטלאַס. וויי, ווי ס׳לשון האָט געדאַרט
ביי די וואָס האָבן זיך געקרימט: „צו וואָס
דאָס אַלטוואַרג?" דער ביטול שניידט דאָס האַרץ, וואָס טראָגט
זאָרג פאַר קיום. איינגעגראָבן ווי אַ קראָט
אין מוטער־שפּראַך, האָט ער די גאַנצע מאָס
פון גלויביקייט אַריינגעטאָן אין יידיש־וואָרט.
געדינט דורך אים בפשטות פאָלק און גאָט.

דער יונגער דיכטער

אברהם רייזענען

עס ציט אַ קעלט אין הויז,
עס פרירן די פיס און די הענט;
אין ווינקל גראַבלט אַ מויז,
אַ פאַררויכערט לעמפּל ברענט.

אויפן טיש ליגן פּאַפּירן,
קרום און גלייך באַשריבן:
„ווי דימענטן און ווי סאַפּפירן
האָט ער די ריימען געקליבן."

קאַלט. און אויף די שויבן
בליען פּראַסטיקע בלומען;
ווי אַ טשאַטע זילבערנע טויבן
די יונגע לידער ברומען.

זיין אויער ווי זיין האַרץ איז אָפן,
ער הערט דעם גאַנג פון שטערן,
און ווייסט: פון אַלע סופן
וועט אַ נייער אָנהייב ווערן.

און אָדער אויף דעם שלייף
שלאָגט ווי אַ בליץ צעצווייגט;
די לבנה ווי אַ זילבערנע רייף
אין די קלאָרע הימלען שטייגט.

שטייגט און שמייכלט גנעדיק,
ווען זי שווימט זיין הויז פאַרביי —
די לבנה העל און פריידיק,
ווי זיינע טרוימען פריי.

צו יוסף ראָלניקן

פון אַלע ווערטער האָסטו אויסגעקליבן
דאָס וואָרט וואָס קומט אי יום־טובדיק, אי זעלטן;
פֿעגאַסן האָסטו קיינמאָל ניט געטריבן
אָן צוים, אין שוים זיך יאָגן איבער וועלטן.

העלער פון די שטערן פלאַקערן קאָמעטן,
מיט פייערדיקע עקן — זיי שטורעמען די רוימען;
שטערן לויכטן שטילער. לויב צו די פּאָעטן
וועמעס לידער גייען אונטער צוימען,

וועמעס לידער בלויען ווי אַ טיפער ברונעם,
וועמעס לידער טויען ווי פריש־געשעפּטע לאַגלען —
לידער ווי אַ שוץ פאַר מדברדיקע זונען,
לידער ווי אַ דאַך פאַר שלאַקסן און פאַר האָגלען,

לידער וואָס זיי טראָגן זייער גורל אָפן;
גלייך מיט מענטשן איינגעשפּאַנט אין עולן,
טראָט ביי טראָט צום סוף פון אַלע סופן —
זיי זאַמלען זייער שפּע די צינזן איינצוצאָלן.

מאני לייב

ער איז גאַטס בהמהלע — קליין, קליין
מיט מילד־פּאַרטרוימטע אויגן וואָס קוקן ליב און לינד,
ווי עס מיניען זיך די פאַרבן און עס קרייזלט זיך דער ווינט,
שנורעוועט די ליפּן, ווײנט אויף זײַנע זיגד,
און איז ווי אַ לאַם ביים פּאַסטוך, ווי צווישן גראָז אַ רינד.

וואונדן זיינען רויזן, און טויט — אַ שוואַרצער קרעפּ,
שטערן — זיינען דימענטן אין נאַכטסצעלאָזטע צעפּ.
ער שוועבט ווי אויף באַלעטן מיט הירשן לייכט אין שניי:
„אַ מוזע, גיב מיר לידער, קראַנק בין איך אָן זיי!"
שטעקט אין הוט אַ פּעדער און אין זיין שילד — אַ טויב —
און עס שנירלען זיך די שורות ווי פּערל אין אַ הויב.

און שלאַנק איז ער און פּרוילעך ווי אַ פּלייט,
און פינקלט ווי מיט חן־גריבלעך מיט טרויער און מיט פרייד;
ווײנט מיט יענעמס אומגליק און קלינגט מיט אייגן גליק,
און הייבט די פאָן פון אַרבעט און היילקט זי אין קריג.
און אָט איז ער אַ דאָרן, און אָט אַ שטאָלצער לאָרד,
און זע, עס איז נאָר „שיינקייט אין זאַטל פון זיין וואָרט."

נאָר ווען די נאַכט ווערט לויטער און די לבנה גרויס —
פון זיינע מירמלשלעסער גייט מאַני לייב אַרויס;
דער ווינט ווייעט, ווי אין חלום, דינער שאַרכט דער בלאַט;
אַנטקעגן דער לבנה — הויך און שלאַנק און מאַט,
מיט שטילע טריט פון וואונדער, מיט זילבער אינעם קול —
שפּינט מאַני לייב אונדז מעשיות, ווי בלויע בינטן וואָל.

נאָר ווען די וואָר ווערט ביטער און בייזער ווערט דער שפּיל,
שניידט ער מיט שאַרפע ווערטער, ווי מעסער בלאַנק און קיל;
און ווען עס שלאָגט דער ווייטיק מיט האַמערשלעג אין שלייף —
נעמט ער אַרום די סטראָפן, ווי מיט אַ האַרטער רייף;
דאָס ליד אין שטאָל און זילבער בליצט אויף ווי אַ קינזשאַל,
און ס׳שפּילט אויף אים די רויטקייט פון לעצטן אָוונטשטראַל.

און ווי אַ רויבער־ריטער מיט אויגן — גרינעם סם,
נעמט ער מיט וואָרט נקמה פאַר זיין פאַרשקלאַפטן שטאַם.
נאָר איצט... איצט איז שוין אָוונט, עס בלויט שוין אין זיין הויז —
עס ענטפערט אַפּ זיין ניגון דעם אָוונטס שטילער רויש,
דאָס מורמלען פון אַ טייכל, דער ווינט וואָס ציט פון לאַן,
דאָס גאַפן פון אַ יינגל, דער שמייכל פון אַ מאַן.

אין יענע ערשטע טעג

אין יענע ערשטע טעג ביסטו פֿאַר מיר געווען
די פֿריע שעה פֿון ערב יום־טוב, ווען
עס וועקט דאָס האַרץ אַן אומבאַוואוסטע פֿרייד
און דורך די ווייעס, גאָלדן־ליכט זיך זייט.

אין אָנונג פֿון אַ ניי און וואונדערלעך געשען,
ווען כ׳האָב — פֿון רעש פֿאַרטויבט — אַ ניט געניטע פּען
דורך שטאַמל־קנויל פֿון אָנגעדראָלטע רייד
אין האַרץ פֿון וואָרט אַריינשטעכן געגרייט,

ביסטו געווען דער שטילסטער פֿליעסק פֿון שטראָם,
דער קילער טרונק פֿאַר אָנגעהיצט געמיט;
און ווען געשטעלט האָט זיך אַ שורה קרום און לאָם —
געצייכנט האָט זיך קלאָר דער מוסטער פֿון דיין ליד;
און ביזקל היינט, ווען ס׳קרעלט דאָס וואָרט די קעל,
איז מאַני לייב דער שם וואָס פֿליגלט אויף די זעל.

וואַן גאָג בילדער

.1

אַ נאַכט־קאַפיי

אַ נאַכט קאַפיי... פאַרשוועכטע טישן, שפּיגלען גלאַמפּן;
אַנטקעגן זיי משוגע קייכן געלע לאַמפּן;
די קאַלבעס פלאַצן פון צופיל ליכט; דאָס ליכט
שפּריצט אָפּ די ווענט, דעם דיל, דעם גרינעם טיש.

דער טיש איז שיכור, טאַנצט, די שווערע פיס זיך בויגן;
אַ ווייסער קעלנער קוקט מיט ברוינע טראָפּן־אויגן.
די זאַכן וואַכן, טרינקען ליכט און לאַכן —
און ער איז מיד און ניכטער, דורכגעגריזט פון רויך,
פון אויסגעהוילטן מוח.

אין ווינקלען רוט די נאַכט; איינגעהילט אין שאָטנס
אַן האָפענונג שיכורים שלאָפן.
זיי האָבן פיינט דעם טאָג, פאַרשיכורן די נאַכט.
דאָס געלע ליכט אין לאָמפּן קאָטשעט זיך און לאַכט.

.2

אַ צעאַקערט פעלד אין זון־פאַרגאַנג

אַ געלע זון, אַ באַרג אין פיאָלעט, אַ צעאַקערט פעלד מיט פאַרבן —
אַהינצו איז וואַן גאָג געגאַנגען שטאַרבן
ווי אין אַ חלום. ער איז נאָך דאָרט ניטאָ. דאָס פעלד איז נאָך אַליין,
נאָר ביימער דריי ווי פידלען שווייגן פול געוויין.

די זון פאַרגייט, די פאַרבן ווערן שטילער, דרימלען איין,
און לעשן זיך ווי קוילן, רויט און ראָז און פיאָלעט.
דאָס פעלד איז איצט אַ ציכטיק אויסגעבעטע בעט
פון פאַרבן.
דאָס פעלד איז גרייט און וואַרט — וואַן גאָג זאָל קומען שטאַרבן.

עס האָט אים צום קבֿר באַגלייט

עד ביצי כנים

עס האָט אים צום קבֿר באַגלייט
דער שניי און אַן עלנטער הונט.
אין די הייליקע שריפֿטן שטייט,
אַז גאָט האָט פֿאַרשניטן אַ בונד

מיט מענטשן, מיט פֿייגל, מיט פֿערד,
מיט לייבן, מיט וועלף און מיט לייז,
אַז ווער עס וועט קומען אויף דר׳ערד,
זאָל האָבן זיין פֿאַר און זיין שפּייז.

עס האָט אים צום קבר באַגלייט
דער שניי און אַן עלנטער הונט.
אין די הייליקע שריפֿטן שטייט,
אַז גאָט האָט געהאַלטן דעם בונד.

עמילי דיקינסאָן

עמילי דיקינסאָן, די קליינע פרוי,
גייט אין פעלד פאַרגאַפּט אויף שטילע וואונדער;
זי קען ניט גיין אינאיינעם מיט דער וועלט —
גייט זי דורך דער וועלט באַזונדער.

זי האָט אַ הויפן ווערטער בלויז —
טיילט זי זיי צו פייגל און צו בלומען;
זי האָט ליב די ליליע און טרויט ניט דער רויז,
און ווייסט: ע ר וועט אַ צווייטן מאָל נאָך קומען.

ווייס געקליידט, אין אונטער־בלוי,
אין ראַם פון בלאָנדע האָר וועט זי צו אים געגענען;
עמילי דיקינסאָן, די קליינע פרוי,
וועט ע ר די ערשטע צווישן אַלעמען דערקענען.

עס קלינגען דין די גראָזן אינעם ווינט,
ווי פלעמלעך ציטערן אין פאַרכטיקייט די שטערן;
עס קלאַפּט איר האַרץ ווי פאַר אַ גרויסער זינד —
זי וויל פון לייב אַז אויסגעלייזטע ווערן.

פילגערשאפט

עס גייט די זון, עס גייט דער ווינט,
און הייסע שטערן רוישן.
עס גייט די גאַנצע טונקלע ערד
מיט ווייַן און ברויט אין קוישן.

עס גייען פייגל, חיות, שאָף
און פעט־געשטאָפּטע רינדער.
עס גייט די גאַנצע בלינדע ערד,
וואָס לעכצט נאָך גאָט און וואונדער.

מע גייט דורך באַרג, מע גייט דורך פלוין,
מע גייט דורך הויכע וועגן;
עס פלאַמט גאָטס שווערד. עס בלענדט זיין קרוין
זיין אַלעמען אַנטקעגן.

און איך גיי מיט מיין ווייב און קינד —
זיין פייער זאָל פאַרצערן.
עס גייט די זון, עס גייט דער ווינט,
עס גייען אַלע שטערן.

דו ביסט געבענטשט

דו ביסט געבענטשט נאָך מערער ווי די דיכטער,
דו ביסט אַליין דאָס וואָרט, די פאַרב און דאָס געזאַנג.
עס צינדט דער האַרבסט דיביימער אָן ווי ליכטער,
די טייכן צינדט דער זונען־אונטערגאַנג;
און דו, מיט קופּער־האָר און ברוינע אויגן,
צינדסט־אָן די טעג פאַר מיר ווי זון, ווי רעגנבויגן.

יאָ, דו ביסט ווייב

יאָ, דו ביסט ווייב, ווי ערד ווי טייכן,
יאָ, דו ביסט ווייב, ווי זון, ווי ליכט,
איך זע דאָס אויפגיין פון די דורות
אין פולן רונד פון דיין געזיכט.

דו ביסט געווען דאָס ערשטע טאָגן,
און גאָלדיק אין דער זון געוואַכט.
מיט דיר האָט אָדם זיך באַהאָפטן
אין ערשטער שטערנדיקער נאַכט.

און דו ביסט הגר אין דעם מדבר,
און דו ביסט שרה אין געצעלט,
און רחל לאַכט דורך דיינע אויגן,
און רות האָסטו באַוואַכט אין פעלד.

און דו האָסט שמשונען פאַרראַטן,
און דו האָסט יוחנן גערייצט,
און ערשטע מוטערלעכע ליבשאַפט
האָט פון דיין וואַרעם מויל געפלייצט.

דו האָסט די ערשטע זינד געבוירן
און ס'איז דיין טרער געוונען זיס,
און דיך האָט יעזוס אויסגעקליבן,
אַז דו זאָלסט וואַשן זיינע פיס.

און דו ביסט ביי מיין וויג געשטאַנען,
דו האָסט מיין ערשט געוויין געהערט,
און דו וועסט ביי מיין קבר שטיין
און וואַרפן לעצטן הויפן ערד.

אין טונקעלקייט

אין טונקלקייט האָט מיר דיין פּנים אויפגעהעלט
און זיך צוריק אין טונקלקייט פאַרלוירן.
אין רעש פון שטאָט האָב איך דיך אָנגעוואוירן.
איך גיי אַרום אין שאָטן, און זע די וועלט
דורך מאַטן גלאַנץ פון אָנגעהויכטע טרערן.
דאָס האַרץ איז קראַנק, און מיט אַ טרוקן קול
הער איך ניט אויף דיך רופן און באַשווערן.
ווי פון אַ כישוף־שפּרוך
זעגט און וועגט די צונג אַ יעדע זילב באַזונדער:
גיי אויף פאַר מיר, געשע מיר ווי אַ וואונדער,
גיי אויף פאַר מיר אין מיטן פון דער נאַכט,
ווי איבער באַרג און פלוין, ווי איבער וואַלד און טאָל
די ווייסע דיין געשניטענע לבנה.
גיי אויף און שטעל זיך דאָ פאַר מיר —
רייך, צעבליט און מיטאָמאָל,
ווי אין דעם הימל שטעלן זיך די שטערן.

האַרבסט

אָ, איר קנעכט און האַרן,
די וואָס רייטן און די וואָס לויפן פאַר די פערד —
דער זומער שווערט אַראָפּ מיט באַרן,
און עס בייט דער האַרבסט די פאַרבן אויף דער ערד.

די קני איז גאָלדיק און די וואונד איז רויט,
דער היישעריק זעגט דאָס גראָז, און דער הויכער שניטער
שטאַרבט, און איבער זיין גאָלדענעם טויט —
גייען אויף ווי שרפות וואודערלעכע גיטער.

דאָס איז דער האַרבסט מיט זאַטע קי און פולע אייטער,
מיט טעלער סטעלניק און מיט שיסלען מאָן,
מיט זיידע־בעטלער, וואָס גייען איבער דערפער,
מיט ווייסע טאַרבעס און אין ווייסן אָנגעטאָן.

דאָס איז דער האַרבסט, ווען איך גיי אום אין וועלדער,
גיי אויף אויף בערג און גיי נאָך נאָכן טייך,
און בלעטער אויף חלומות, וואָס ברענען רייך
און פאַרביק ווי דיביימער.

דאָס איז דער האַרבסט,
ווען איך גיי אום אויף שליאַכן
שלאַנק און גלייך
און ווי אין אַ חלום — רייך.

דער ריח און דער רויש

דער ריח און דער רויש פון דער ערד,
דער גאַנג און געזאַנג פון די שטערן,
און דער אָנקום פון צייט וואָס ווערט
פאַרברענט אין ווערן —

צינדן מיט פרייד,
און פלאַגן מיט אַנגסט פון בלינדן וואַרטן,
און טראָגן ווי אַ פרעך געלעכטער אין שייד
די שווערד וואָס וועט מיך לייגן אַ פאַרשטאַרטן.

ביינאכט

ווי וואונדערלעך ביינאַכט צו שווייגן,
און שווייגנדיק צום הימל שטייגן;
שווייגן און אויף די שטערן קוקן,
און הערן ווי די זייגערס זייערע ווייזערס רוקן,
פילן טיף די ערד און טרייבן שנעל דאָס בלוט —
לעבן, שטאַרבן און אויפגיין אין איין מינוט.

פיינט גענען

פיינט, גענען, און לאָמיר זיך פאַרהערן
אין איידעלן כוח, אין אויפגעבליצטע רייד!
דער קאָפּ ווערט גרוי, אין קנייטשן געלט דער שטערן,
עס יאָגט די צייט און גאָלט דעם שאַרבן הויל,
און טונקל ווערט די שווערד וואָס דרימלט אין איר שייד —
די פלאַמענדיקע שווערד, דאָס פרייע וואָרט, די קויל.
עס ברענט די צונג ווי פייער אינעם מויל —
גענען, און לאָמיר זיך פאַרהערן
אין איידעלן כוח, אין אויפגעבליצטע רייד!

לידער

לידער האָבן אויגן קאָסע,
ווי כינעזער מיידלעך אויף אַ האָלצשניט;
טראָגן בעכערלעך מיט גראָזיק־גרינער ראָסע
פון אַ ווייטן, פון אַן אויסגעטרוימטן טאָל.

לידער האָבן מיילעכלעך פאַרשנירטע,
קושן אויס דאָס בלוט מיט נאָגנדיקן גליק;
לידער האָבן פנימער גרימירטע —
טאַנצן אום ווי ליאַלקעס אויף אַ שטריק.

אין דעם טורעם פון עלפאַנטביין

הויך. פאַרוואָרפן.
פאַרשניטן. אַליין.
טעג ווי שטערן
גייען און גייען.

איבער דיר, אַריבער דיר,
איבער דיין קאָפּ —
טעג, ווי שטערן,
פאַלן אַראָפּ.

ליד איז דיין נס,
וואָרט — דיין גענאַד
עפּל און באַרן —
רייפן אין סאָד.

זאַמלער מיט קוישן,
באַרוועסע פרייד:
דיין געשטאַלט אין די הייכן —
בלאַסט און פאַרגייט.

פאַרגאַנגען. פאַרשניטן.
אַליין. אַליין.
טעג ווי שטערן
גייען און גייען.

שפּרייטן אויף וועגן
גאָלדענעם שטויב,
לויכטן מיט זון
אין דער אָרעמסטער שויב.

און דו — אין די הייכן,
אין געפרוירענעם ליכט —
שלייפסט די האָק און דעם דין
פאַרן לעצטן געריכט.

וואָרט און טאַט

פייער איז צייכן, און בלוט איז אַ צייכן,
די שפּיז און די שווערד אינעם וואָרט זײַנען צייכנס:
צו גרייכן דאָס וואָרט,
וואָס רייפט אין דער טאָט,
און פאַלן דערנאָך, ווי אַ פרוכט
אַזוי רייף, אַזוי זאָט,
צו די פיס פונעם דור,
וואָס טראָגט אין זיין שויס העלדישע וואָר.

די ערד, וואָס איז שטערן,
און די זון, וואָס איז שטערן,
און דער הימל אין פייער —
הערן און שווערן,
אַז וואָר איז נאָר וואָרט,
וואָס גייט אויף מיט דער טאָט.
וואָר!
ווי די טאָט וואָס ווערט קלאָר
אין בלענד פון דער שווערד.
וואָר!
ווי די העלדן וואָס פאַלן
אין שויס פון דער ערד.

דאָס וואָרט האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דער צונג,
דאָס וואָרט, וואָס וויל אַ טרייסט מיר ברענגען;
מיר זיינען דאָ געבליבן — אַלט און יונג —
ווי פּאַנען נאָך אַ יום־טוב הענגען.



אָפּשייד־לידער

ליכט און שאָטן בייטן זיך אין צימער,
טרויער בלייבט און פרייד פאַרגייט, פאַרגייט;
לעצטער אָפּשיין לעשט זיך מיט אַ גלימער,
ליכט פאַרגייט און פינצטערניש באַשטייט.
ליכט און שאָטן בייטן זיך אין צימער,
טרויער בלייבט און פרייד פאַרגייט, פאַרגייט.

טיפער ווינטער שטייט ביי מיין צוקאָפּנס,
ווייסער שניי פאַרשיט מיך ווי אַ בוים,
אָט מיט וואָס עס לאָזט זיך אויס דאָס האָפן,
אָט אַזוי פאַרענדיקט זיך דער טרוים:
טיפער ווינטער שטייט ביי מיין צוקאָפּנס,
ווייסער שניי פאַרשיט מיך ווי אַ בוים.

פרעמדער, בענטש מיך מיט דער בענטשונג שלום,
איך האָב זיך פון אַלעם אָפּגעקערט;
עס לעשט זיך אויס דער הימל ווי אין חלום
און אין גפלען שווימט אַוועק די ערד.
פרעמדער, בענטש מיך מיט דער בענטשונג שלום,
איך האָב זיך פון אַלעם אָפּגעקערט.

ווידער הויכט אויף מיר דיין ליבשאַפט,
ווידער ציטערט אויף דיין וואַרעם־צאַרטע האַנט.
מוטער ווייטע, אין דיין מילדער טריבשאַפט
טריפט אַריין מיין בענקשאַפט ווי אַ סם.
ווידער הויכט אויף מיר דיין ליבשאַפט,
ווידער ציטערט אויף דיין וואַרעם־צאַרטע האַנט.

וויפל יאָרן זיינען שוין פאַרפלויגן?
וויפל קברים אויפגעשטעלט דאָ הי?
גאָר דאָס דאַרף וואָס האָט מיך אויפגעצויגן
שטראַלט אַצינד מיט ערשטן אין דער פרי.
וויפל יאָרן זיינען שוין פאַרפלויגן,
וויפל קברים אויפגעשטעלט דאָ הי.

בלויער בעז וואָס שוימט אַריבער פּלויטן,
שטילקייט גאָלדענע וואָס זשומעט ווי אַ בין,
וויפל דאַרף אַ מענטש אַדורכגיין טויטן
ביז ער קומט צום סאַמע ערשטן זין.
בלויער בעז וואָס שוימט אַריבער פּלויטן,
שטילקייט גאָלדענע וואָס זשומעט ווי אַ בין.

קורחס אוצרות האָב איך מיטגענומען
צו פאַרטיילן די געזעלן אונטערוועגס,
און געגעבן — ווער ס׳האָט נאָר גענומען
און איך גיי מיט ליידיקן אַוועק.
קורחס אוצרות האָב איך מיטגענומען
צו פאַרטיילן די געזעלן אונטערוועגס.

רייפע עלטער איז ניט רייף און איז ניט עלטער,
נאָר אַ סם איז דאָס פון ביטערן געמיט,
ווען קהלת ווערט אי קלערער, אי פאַרשטעלטער
און ווי בעטלער־גראַשנס קלינגט דאָס רייכסטע ליד.
רייפע עלטער איז ניט רייף און איז ניט עלטער,
נאָר אַ סם איז דאָס פון ביטערן געמיט.

ניט אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט ווען לויכטן,
שפּעטע גאָלד אין שטילן אויפדערנאַכט,
דורך מידן טשאַד, דורך נעפּלען אַנגערויכערטע,
פאַרחלשט ווינקט דער שטערן אָפּגעדאַכט.
ניט אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט ווען לויכטן
שפּעטע גאָלד אין שטילן אויפדערנאַכט.

ניט אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט ווען לעשן
זיך שפּעטע גאָלד אין שטילן אויפדערנאַכט,
ניט מיט ברום פון פויק און ריטש פון מעשן,
בראַך פון וואָרט אין טיף פאַרשפּילטער נאַכט.
ניט אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט ווען לעשן
זיך שפּעטע גאָלד אין קילן אויפדערנאַכט.

קומט ארויס און זעט

קומט אַרויס און זעט: דער זומער איז טויט,
און זעט מיין חרוב־געוואָרן לעבן;
די עפּל אויף דיביימער זיינען גאָלדיק־רויט
און פאַלן ווי געלעכטער דערגעבן.

און איך בין אין טרויער און איך בין ווייט
פון גאָלד און פון צייטיקע עפּל;
עס בלאָנדזשעט אַ מאַן, דער קאָפּ אויף אַ זייט,
דורך קראַנקן, פאַרחלומטן נעפּל.

די הענט אויף דער ברוסט, די אויגן פאַרמאַכט,
די ליפּן ווי רזיטע צוויי שניטן;
עס בלאָנדזשעט אַ מאַן דורך נעפּל און נאַכט,
ווי אין שניי אַ פאַרלוירענער שליטן.

הארבסט

שטאַרב! דער ווינטער שווינט ניט,
און דיין מזל שניידט זיך קרום,
און דער האַרבסט מיט די גאָלדענע קרוינען
וואַלגערט אין בלאָטע זיך אום.

דער וועוּוריק פאַרשאַרט אין די בלעטער
די לעצטע דעמבענע ניס,
דער ווינט דרייט שטריק פון דעם רעגן
און האַקט אין די נאַקעטע פיס

די ביימער, וואָס רייסן די האָר זיך
און שרייען צום הימל געוואַלד...
וואָס פאַר אַ בייזער חלום
האָט היינט מיך געבראַכט אין וואַלד?

האָב איך דען ווייניק ביימער
שרייען געהערט אין האַרבסט?...
דער טרויער פון שוואַרצע צווייגן
האָט ווי ריטער זיך איינגעקאַרבט.

און דאָך... סאַראַ ווילדע הנאה
צו שרייען אין ווינט — דו שטאַרבסט! —
און מיט די פיס צעטרעטן
די פאַרזשאַווערטע שפּורן פון האַרבסט.

אלול

עס פאַלן בלעטער לאַנגזאַם פון דיביימער,
און מענטשן פאַלן צו פאַראייַנזאַמט צו דער ערד;
די ערד איז טרויעריק אַפילו אינעם גאָלד,
וואָס ווערט פון ווינט געטראָגן און געקערט.

די ערד ווערט ברזין און שווערער דאָס געמיט,
ס'איז אלול איצט, ס'איז טרויעריק און שיין,
און ס'הערט ניט אויף צו קלינגען אינעם אויער
דעם שטעטלס אלול־קול, ס'פאַרטייַעטע געוויין.

די שלייפן גרויען שוין, עס טונקלט שוין די ראיה,
און בילד נאָך בילד — ניט אומקערן צוריק —
און וואָס קאָן נאָך מיר ברענגען פון דער ווייט
מיין אַנגעחלומטער און אָנגעשטערנגטער בליק?

אין גאָלדן־ליכט גייט אויף פאַר מיר אַ גאַס,
וואו דורכזיכט זומט אַ שפּעטן זומער־ניגון,
און ווייסע פלי־פעדים פאַרהאַלטן זיך ביים פּלויט,
וואָס טוט אַליין זיך אומעטיק פאַרוויגן...

אויף רייכער ערד אָט דאָ בין איך אַ פרעמדער,
דאָס האַרץ אַ נעסט וואו שטענדיק הויערט טרויער,
און ביזן סוף פון אַלע מיינע טעג
דעם שטעטלס אלול־קול וועט קלינגען אין מיין אויער.

דער אורוואלד ברומט

דער אורוואַלד ברומט מיט אורגוואַלד אין דער נאַכט.
די ווילדע חיות לאָקערן אוןברילן.
דער רויב ווי פּייער ברענט אין יעדנס פּיסק,
און ביי דעם קוואַל, דעם זילבערנעם און שטילן,
די סאַרנע ציטערט אויף די דינע פיס.

אידן

ערגעץ אויף אַ נאָענט־ווייטער ערד
וואַקסן יידן אויס מיט לאַנגע גרויע בערד.

יידן, יידן, גרויסע, שיינע יידן,
וואָס קויפן חזיר־האָר אויף גוישע יאַרידן.

ערגעץ אין אַ נאָענט־ווייטער שטאָט
גייען יידן דאָרט אַ ריקודל פאַר גאָט.

יידן, יידן, גרויסע, שיינע יידן,
וואָס קויפן חזיר־האָר אויף גוישע יאַרידן.

ערגעץ אין אַ נאָענט־ווייטער היים
וואוינט מיין זיידע אין אַ שטיבעלע פון ליים.

הייבט אויף דאָס פאַרהענגל און קוקט מיט שרעק אַרויס
צי זעט מען ניט קיין שיכור פאַר דעם הויז.

יידן, יידן, שיינע, שטאָלצע יידן,
וואָס קויפן חזיר־האָר אויף גוישע יאַרידן.

און איך, וואָס בין פון דאָרטן לענדער ווייט,
פיל נאָך, ווי עס גייט די שרעק דאָ ביי מיין זייט.

אַלטע שרעק, ווי אַלטער כישוף,
וואָס דערציילט אַ מעשה פון אַ ישוב,

וואָס דערציילט אַ מעשה פון אַן ערד,
וואו עס וואַקסן יידן אויס מיט בערד.

יידן, יידן, שיינע, שטאָלצע יידן,
וואָס קויפן חזיר־האָר אויף גוישע יאַרידן.

אהיימקער

און איינמאָל אַזוי צווישן טאָג און נאַכט
וועל איך קומען אַהיים.
— איך האָב גאָרניט געבראַכט —
וועל איך זאָגן דער מאַמען
וואָס לעבט ניט מער,
וועל איך זאָגן דעם טאַטן
וואָס וואָלט דעם יאָך
געטראָגן נאָך
ווען ניט דער הונגער און ניט די נוימ
און ניט דער זעלבער וואָס היט דאָס ברויט.

איך האָב גאָרניט געבראַכט.

און ניט פון דעם וואָס איך האָב געטראַכט,
און ניט פון דעם וואָס איך האָב געזונגען,
און ניט פון דער צונג וואָס האָט געקלונגען
טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט —
האָב איך עפּעס געמאַכט.

איך האָב גאָרניט געבראַכט.

און קוקן אויף מיר
וועט פאַרשעמט און פאַרקלעמט,
די צעגראָבענע שוועל
און געהאָרבעטע ווענט.
און קוקן אויף מיר
וועט עלנט און שטיל
דער שטויביקער,
ליימיקער,
היימישער
דיל.

ביאליק ביינאַכט אין די יידישע געטאָס

אין וואָכיקן גאַנג פון אונדזערע ז״ידעס און פעטערס,
אין אַ פוטערנעם היטל, אין אַ וואָלענעם שאַליק,
קומט אַראָפּ ביינאַכט אין די יידישע געטאָס —
חיים נחמן ביאַליק.

ער צאָרנט ניט מער און ער שרייט נים,
שטיל, אין זכות פון די הייליקע אָבות
רופט ער צום הימל: בקשו רחמים עלי!
מיט אַ קול ווי מען בעטלט נדבות.

ער בעט מיט תחנונים — וואָס דען איז צו טאָן
ווען מען שטייט צוקאָפּנס אַ גוסס,
ווען פון דעם לעבן רינט אויס די זון,
ווי וויין פון צעבראָכענע כוסות?

איז גייט ער אַזוי איבער גאַסן און מערק,
אָן אבל אין דרייען געבויגן,
ווידער צו זען גאַס וואונדער און ווערק,
צו זען מיט די „אייגענע אויגן.“

איז גייט ער אַזוי פון אַ גאַס צו אַ גאַס
מיט אַ בלעכענעם אַלטן לאָמטערן;
עס שפרינגען אים שאָטנס אַנטקעגן מיט כעס —
שאָטנס ווי וועלף און ווי בערן.

עס שפּרינגען די שאַטנס, עס ציטערט דער שיין
אויף שוועלן, אויף בערגלעך מיט מיסטן —
„צו וואָס איז דאָס אייביקע פּרוּאוון מיט פּיין
דער שכל דערפון, דער אומיסטן?״

ער שטעלט זיך אָפּ לעם אַ יידישער קראָם,
קוקט אַריין ביי דעם שיין פון לאַמטערן:
עס טוט אַ בליץ דער באַלויכטענער תהום
מיט צעשטויסענעם גלאָז ווי מיט שטערן.

עס טוט אַ בליץ דער באַלויכטענער תהום
ניט מיט סחורות, ניט מיט יאַנקעלעס וויגל —
עס שטייען ווי שטומע געשרייען אין קראָם
צעבראָכענע שאַפעס און שפּיגלען.

צעהאַקט און פאַרהאַקט. אין יוצא, אין באָ,
חוצן דלות וואָס מאָגט זיינע ראַטעס.
די לבנה שטייגט, ס׳איז די צוועלפטע שעה —
„די וואָלקנס הענגען ווי שמאַטעס.״

און דאָס ליכט פון לבנה גיסט זיך אַראָפּ
ווי חוזק אויף די קעפּ פון די שטיבער.
עס קלאַפּן לאָדנס ווי פויסטן אין קאָפּ
איבער פענצטער ווי פינצטערע גריבער.

צעהאַקט און פאַרהאַקט. אין יוצא, אין באַ,
חוץ אַ מאַרדער וואָס קריכט איבער דעכער,
און אויפן קוימען אַ שוואַרצע קראַ,
וואָס קראַקעט אַ זאַטן געלעכטער.

צעהאַקט און פאַרהאַקט. אין יוצא, אין באַ,
חוצן מתמיד אין אייביקן אומעט —
ער לערנט מסכתא צוועלפטע שעה
אין קלויז פאַרן שיין פון נר־תמיד.

דאָס לערנט דער מתמיד, צי איז דאָס דער זשום
פון פליגן אין שפּינוועבס פאַרשפּונען?
דער „אייזערנער קום" און דער „שמאָלענער שטום"
זיינען ווי וואַסער צערונען.

און מיט אַ ווייך און תחינהדיק קול
געוויינט האָט דער דיכטער פון צאָרן —
אויף זייערע זינד און אונדזערע ווינד
און אויפן ברית מיט זרע אברהם.

און ס'זיינען די טרערן געפאַלן אויף דר'ערד
געמישט מיט טוי פון פרימאָרגן,
און ערגעץ האָט וויטער געהוליעט די שווערד
און גאָט האָט זיין פּנים פאַרבאָרגן.

אין וואָכיקן גאַנג פון אונדזערע זיידעס און פעטערס,
אין אַ פוטערנעם היטל, אין אַ וואָלענעם שאַליק,
איז געווען ביינאַכט אין די יידישע געטאָס —
חיים נחמן ביאַליק.

1941

פון שטאָל און אײַזן
שמיד אויס אַ האַרץ
און קום

מען גייט, און מען קלאָגט, און מען קלייבט אין די פּאַלעס
ווי ירמיהו אויפן גלות־וועג:
שפּורן און צייכנס פון וויפלטן גלות,
שפּורן און צייכנס פון פאַרכטיקע טעג.

מען גייט, און מען קלייבט, און מען קלאָגט אויפן גלות
און נישטאָ קיין סוף צו דעם לאַנגן וועג;
און עס שרייט דאָס בלוט פון דעם נביאס פּאַלעס
און עס שרייט דאָס האַרץ ווי אונטער אַ זעג.

עס שרייט דאָס האַרץ, און עס ברעכט דעם רוקן
דער פּאַק, וואָס מען טראָגט צו דעם העכסטן געריכט,
און עס ברענען די אויגן פון מידן קוקן
ביים קאַרגן שיין פון לאַמטערן־ליכט.

געַנוג שוין, דיכטער פון צער און צאָרן!
פאַרלעש דעם לאַמטערן, וואָס טויג דאָס ליכט!
אין די שווערע נעפּלען פון טויזנטער יאָרן
פאַרגייט, פאַרגייט משיחס געזיכט.

גענוג דיר, דיכטער פון צער און צאָרן!
פיר מיך אַרויס פון טויטן־טאָל!
דאָס געשמידטע האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן,
וואָס קלעקט אַצינד אַ האַרץ פון שטאָל?

גענוג שוין, דיכטער פון צער און צאָרן!
ס'איז פאַרלאָשן דאָס ליכט און ס'איז בלינד דער וועג.
וואַרצל מיך אויס ווי אַ ווילדן דאָרן,
רייס מיך אַרויס פון די פאַרכטיקע טעג.

גאָטס בונקער געוויין

ווען גאָט איז אַ געשלאָגענער
אַנטלאָפן פון הימל
און געזוכט אַ באַהעלטעניש,
און געזוכט אַ שוץ —
איז ער אַנטלאָפן אין געטאָ,
אין אַ בונקער
צווישן יידישע קינדער אַ טוץ.

„גאָט, זיי מיר אַ טאַטע",
„גאָט, זיי מיר אַ מאַמע", —
איז גאָט געווען אַלע ביידע
און אויך אַ באַבע און אַ זיידע.

האָבן זיך די קינדער געשפּילט
מיט זיין זיידעשער באָרד,
און פון זיין מויל געלערנט
גאָטס וואָרט:

אַן אַלעף,
אַ בית,
און אַ גימל,
און אַלע וואונדער
פון בלויען הימל.

נאָר ביז עס איז געקומען
צום שין און צום תּאָוו —
האָט צו די יידישע קינדער
גענומען אַ סוף.

איז גאָט געבליבן פאַרעלנט,
איז גאָט געבליבן אַליין,
און איבער אַלע וועלטן טראָגט זיך
גאָטס בונקער געוויין.

דער מערדער און זיין גאָט

דער מערדער איז דאָ היינט פאַר מיר געשטאַנען,
מיט עשוס רויטע הענט און קינס רוצחיש אויג,
און לעבן אים זיין גאָט — וואָס ניט פון דאַנען
זיין ווייסער שטערן און פאַרגיביקער פאַרנויג.

די דינע פינגער איז אַ בענטשונג־צייכן,
די בלאָנדע, וויכע האָר, דער שטראָמיקער כיטאָן —
ער שמייכלט מילד דעם מערדער צו פאַרווייכן
און ציטערדיק מיט מורא קוקט אים אָן.

ער גלעט זיין האַנט, ער קושט אים אויס די אויגן,
ער הויכט אויף אים מיט וואַרעמקייט און ליכט;
דעם מערדערס אויג ווערט נעפלדיק פאַרצויגן,
אַ רויטע פאַרע שלאָגט אים פון געזיכט.

דער תענוג ברומט ביי אים אין די געדערים,
(די געטלעכקייט ווי פאַטעקע איז זיס)
עס שלעפערט אים, ער קאָן זיך מער ניט ווערן,
ער גלאָצט די אויגן אויס און פאַלט אים צו די פיס.

דער בלאָנדער גאָט שפרייט אונטער אים אַ פליגל
און ליולעט אים מיט פרומע פסוקים איין,
דער מערדער גיט מיטביידע פיס אַ דריגע
און פאַלט ווי אין אַ תהום אין אַ זיסן שלאָף אַריין;

און חלומט מיט אַ זויגלינגס אומשולד־מינע
פון בתולהס ווייסע בריסט וואָס לויכטן אין דער שטאָל,
און פונעם מויל אים שלאָגט אַ חולה־נופל פינע...
איך קער זיך אָפּ און ברעך מיט גרינער גאַל.

זכר ונקבה יהיו

דו זאָלסט אַריינברענגען צו צוויי,
אַ זכר און נקבה!
האָסט אַ מבול געשיקט
און פֿאַרגעסן די תּיבה.

האָסט אַ מבול געשיקט —
באו מים עד נפש.
אָ, פּודה משחת,
אָ, גואל ממות!

עס פּיקן שוין ראָבן
די ווייסלען פֿון אויגן,
און וואו איז דער צייכן?
וואו איז דער בויגן?...

עס וויינט דאָס האַרץ

.1

עס וויינט דאָס האַרץ נאָך פרומע רייד,
נאָך תפילות ווי דאָס העלן אויף באַגינען.
עס לערנט דער בעל־שם: זאָלסט דינען גאָט מיט פרייד...
אָ, פרייד וואו קען איך דיך געפינען?

דער טאָג פאַרדולט, פאַרטומלט און פאַרשטעלט,
צו תאוות, צו רגילותן אַ שקלאַף.
עס קומט די נאַכט קערט איבער זיך מיין וועלט,
און ס׳קלאָגט אין מיר גאָטס קלעגלעכע באַשאַף.

איך וויין פון שלאָף... וואָס וויין איך וואָס,
אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן און פאַרפאַלן?
עס פאַלט אויף מיר ווי אויף פאַרשניטן גראָז
די וואַרעמקייט פון אויפגעוואַכטע שטראַלן.

.2

זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט; אַנטקעגן דער לבנה,
האָב איך געשפּירט ווי מעסערס בלאַנקע די סכנה.
דו האָסט געפּליסטערט וואָס, איך האָב געהערט
פון עק צו עק — עס קרעכצט די גאַנצע ערד.

ווילסט טרייסטן מיך? וואָס קאָנסטו מיר דערציילן?
וואָס קאָנסטו זאָגן דען, וואָס וועט די וואונד מיר היילן?
וואָס קאָנסטו לערנען מיך; וואָס דאַרף איך וויסן?
עס איז דאָס האַרץ אויף אייביק שוין צעריסן.

איך האָב געהאַפּט אויף נסים און אויף וואונדער,
און יעדן איינציקן פון זיי געציילט באַזונדער.
צי קען מען אָפּוואַשן מיט טרערן זייער בלוט?
צי קען ווער אויסקלאָגן דעם צאָרן פון דער רוט?

עס איז געבליבן דאָך — אַ שאַרבן מיט אַ לאָך,
און ביינער קנאַכיקע, און אָפּגעדעקטע ציין;
איך וועל פאַר זיי אַ קבר זיין, אַ בערגל ערד מיט מאָך,
אַן איינגעזונקענער מצבה־שטיין!

דער זיגער

גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן
אין קלאָרן שאַרפן ליכט פון טאָג —
האָט זיך באַוויזן און געוויזן
זיין שטאַרקן אָרעם וואָס שלאָגט און פלאָגט.

און דורך דעם לייב האָט דורכגעצויגן
דער קאַלטער ווינט פון זיין באַפעל,
זיין ליכט האָט אויסגעברענט די אויגן
און אויסגעטריקנט מיר די זעל.

פאַר זיינע פיס בין איך געלעגן
אַ וויסטער הרוג אויסגעשטרעקט —
האָט ער געשטעלט זיין פוס, דער זיגער,
און אָפּגעשאַרט מיך פון דעם וועג.

א מענטש קען זיין

א מענטש קען זיין אין ווייטסטן וואַגל
אין דאַלעד אמות פון זיין היים,
און גיין דורך בליץ און גיין דורך האָגל
און זינקען ביזן דיך אין ליים.

און זען — דער הימל שפּאַלט זיך
און גיסט דאָס פייער אויפן קאָפּ —
און זיין פון אייזן ווען ער האַלט זיך
און גייט פון זינען ניט אַראָפּ.

פאראַנען פרייד אין זאַמלען ווערטער

פאַראַנען פרייד אין זאַמלען ווערטער,
אַ וואָרף טאָן זיי ווי רענדלעך אויף אַ טאַץ,
אין יאָך פון טאָג אַ מידער, אַ באַשווערטער
אַ טראַכט טאָן וועגן זיי און ווערן ווידער וואַך.

נאָר קען מען דען אַזוי פיל ווערטער זאַמלען,
גענוג פאַר יעדן שטאַנג אין יאָך,
גענוג פאַר שווערע שעהן שטאַמלען
און פאַר דער אויפוואַכונג דערנאָך?

נאָר קען מען דען אַזוי פיל ווערטער קלייבן,
גענוג פאַר יעדן חורבן אויפן וועג,
און אין דעם פנקס צו פאַרשרייבן
די פאַרכטיקע, די לעצטע טעג?

אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט

אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט,
און ס'איז דאָס וואָרט צערונגען,
ס'איז גאָט געווען אין יעדער אָרט
און איז פון אונדז אַנטרונען.

ס'איז גאָט געווען, ס'איז וואָרט געווען,
און וואָס איז אונדז געבליבן?
אַ יחוס־בריוו פון אַלטע טעג
פאַרגעלט און אָפּגעריבן.

לערן מיך

גאָט, לערן מיך רעדן צו מענטשן,
מענטש, לערן מיך רעדן צו גאָט;
זאָל איך בענטשן דעם מענטשן
און שעלטן גאָט?...

צי זאָל איך שעלטן דעם מענטשן
און בענטשן גאָט?
גאָט, לערן מיך רעדן צו מענטשן,
מענטש לערן מיך רעדן צו גאָט!...

א וואַריאַציע

„אָ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן"
לאָזט מיך אָפן — מיט דער זון!
דער ווינט וועט מורמלען אין מיין שאַרבן,
און טריקענען וועט אים די זון.

שנייען און רעגן וועט אים וואַשן,
ביז זויבערקייט פון ווייסן ביין,
און אייביקן געלעכטער לאַכן
וועט מויל מיט גאַפנדיקע ציין.

מיט טיפע קילע גריבער קוקן
דער זון אין פּנים, דעם העלן רוים;
אַ פויגל מיט זיין שנאָבל־פּיקן
וועט אויסקלאַפּן מיט ביין אין ביין;

דעם הילך פון אויסגעהוילטן שאַרבן,
פון אור, פון רו פון ערשט באַשאַף;
מיט שריפט פון העראָגליפן־קאַרבן
וועט קריצן צייט איר עפּיטאַף.

אייביקער שומר

די לבנה איז אָנגעגאָסן רויט
און הענגט אַ קרומע צווישן ביימער,
דער הימל האָגלט מיט גאָלדענעם שרויט...
וואָס ווילסטו אייביקער שומר?

וואָס וואַרנסטו, וואָס זאָגסטו אָן?
(די פייערפליגן צינדן זיך געהיימער)
איך טו, איך טו דאָ וואָס איך קאָן —
איך טו דיין ווילן אייביקער שומר.

איך גיי אַריין אין טיפן וואַלד,
איך הער דעם טויט צווישן ביימער;
אַ רגע נאָר, אָט באַלד, אָט באַלד —
איך טו דיין ווילן אייביקער שומר.

א מולטערל מיט שטערן

דאָס טייכל פּליעסקעט שטיל — אַ מולטערל מיט שטערן,
איך שפּיץ די אויערן אָן צום דינסטן קלאַנג אין רוים,
און וואָס איך וויל און וואָס איך דאַרף דערהערן
איז מינדער נאָך ווי אָט דער ציש פון שוים;

איך זאָג: איך וויל זיך דאָ פאַרלירן,
פאַרזינקען ווי אין קילן זאַמד די פיס;
ווי רופט מען זיי רובינען צי סאַפּפירן
די דימענטן, וואָס בליצן פון דיין שפּיז?

נו, שטעך אַריין, און לאָמיך דאָ פאַרבלוטן,
און לאָז מיך שטאַרבן מיטן זיסטן טויט
ביים מולטערל מיט שטערן אַ באַרוטער,
ווי ס׳שטאַרבט צומאָל אַ שיכור ביי אַ פלויט.

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט וואָס איך האַלט אין מיין מויל
איז שאַרפער פון אַ מעסער און גליאיק ווי אַ קויל;
איך האָב דאָס וואָרט אין ענגע נעכט געבוירן,
ווען כ'האָב אין קריג מיט זיך אַליין פאַרלוירן.

און איצט, ווען איך בין איצט אַזוי־אַ ווי איך בין —
מיט שאַרפן בליק און קלאָרן זין,
לאָז איך פאַנאַנדער אַלע מיינע ווערטער.
מיט שווערן שוויגן פאַרזיגל איך דאָס מויל
און לאָז זיך קעגן גורל,
ווי קעגן אַ שאַרף־געצילטער קויל.

שטיל ווי א ליכט

שטיל ווי אַ ליכט נאָך כל נדרי,
אין נאַכט פֿון געבראָכן געמיט,
ציטערט אין האַרצן אַ ווידוי,
ציטערט — צו ווערן אַ ליד.

הייב איך אָן ווידער צו זינגען —
שפּעטן די ווערטער פֿון מיר:
ווי שדימלעך שיכּורע שפּרינגען
מיט פֿייגלשע שריט אויף פּאַפּיר.

זאָג איך: מען דאַרף ניט קיין לידער,
זאָלן זיי שטומען אין מיר,
און לייג זיך ווידער אַנידער,
ווי אַ מת מיט די פֿיס צו דער טיר.

איך בין געקומען מיט א רעש

איך בין געקומען מיט אַ רעש,
אַוועק וועל איך אָן טומל.
איך בין ניט רייזען און ניט אַש,
אַ שימחה בלויז צום רומל.

וועט זיך דערמאָנען ווער אין מיר,
וועט ער אין שטויב מיך זוכן,
אין קאַסטן שמות ביי דער טיר
צווישן אַלטע לוחן.

אָ, פלאַטער־אויף

אָ, פלאַטער אויף, מיין אומגעוואָרפן לעבן,
און ווי אַ האָן וואָס ווייסט זיך אויס פון שוחטס האַנט
און לויפט, צעשפּרייט די פליגל ווי צום שוועבן,
צירקלט אום, די אויגן בלוט־פאַררונען,
(אָ, וויפל זעט ער אויפגיין רויטע זונען!)
פאַררייסט זיין אויפגעפּראַלטן האַלדז:
— די רויטע טראָפּן קייקלען זיך ווי קרעלן —
ער זעט די ווייטן העלן,
די בלויע הייך אין רויטן ליכט, די קילעביימער גרינען —
און קרייעט אויס זיין אָנזאָג אויף באַגינען,
און פאַלט — צעשפּרייט די פליגל ווי צום שוועבן.
אָ, פלאַטער אויף מיין אומגעוואָרפן לעבן!...

אַן אייגאונאייגציק אות

ניין, ניט איינגאַנצן וועל איך שטאַרבן,
אַ זכר וועט דאָ בלייבן פון מיין בראָך,
ווי אויף אַ שטאַנג עס בלייבן קאַרבן
פון דעם וואָס איז געגאַן אין יאָך.

געשלעפּט און דורכגעשלעפּט דעם אַקער,
ער לאָזט נאָך זיך אַ שוואַרצן פּאַס;
און איך בין דורכגעגאַן אַ גיהנום־פלאַקער
און לאָז נאָך זיך אַן אייגאונאייגציק אות.

אַן איינציק אות מיט איינגעקלעמטע טייטשן
און יעדער טייטש אַן איינשניט פון דעם בראָך —
ווי אויף אַ לייב עס בלייבן בייטשן
פון דעם וואָס איז געפאַלן אין דעם יאָך.

והיה

והיה, עס וועט זיין, אַמאָל אין דער פרי
וועל איך אויפשטיין און זען — דער הימל איז בלוי,
און די זון איז צעשויבערט אין גאָלדענעם גלי,
און דאָס גלאָז פון מיין שויב איז פייכט פון טוי.

איך וועל זיך אַנטאָן אויף שנעל און אַוועק אין פעלד
און זיך זעצן ביי אַ שטילן און קילן קוואַל,
און ווידער דערפילן דאָס האַרץ פון דער וועלט
ווי דאָס וואַרעמע ליכט פון אַ גאָלדענעם שטראַל;

און ווידער וועל איך שמייכלען אַנטקעגן דער זון
און הויך וועל איך זאָגן: אָ, גאָט, ס'איז גוט:
ס'איז גוט וואָס איך ב י ן, וואָס איך ווייס דערפון
אַז בלוי איז דער הימל און גאָלד די זון.

און גאָט וועט ענטפערן אָמן. ס'איז גוט, מיין זון,
ס'איז גוט וואָס דו ביסט ווידער דאָ
מיט מיר אין דער פרימאָרגן שעה
צו בענטשן דעם הימל, צו בענטשן די זון.

והיה... צי דאָס וועט טאַקע זיין אַזוי
די מעשה פון זון און הימל און בלוי —
דאָס ווייס איך ניט... דער חלום גליט,
דער חלום גליט און איך בין מיד,
אָ, גאָט, ווי מיד —
ווידער און ווידער צו זינגען דאָס טרייסטלאָזע ליד.

אינהאַלט

זייט

I

קאַרל מאַרקס שרייבט אַ בריוו זיין פאָטער — 5
זיינע לעצטע ווערטער — 8
ביסט גרויס געווען — 9
מאָריס ראָזענפעלד אין טאָג פון זיין 60-יאָריקן יובילײ — 10
עס ברענט דיין וואָרט — 12
אויפן טויט פון זישאָ לאַנדוי — 13
עס איז געשען — 14
אבֿרהם משה דילאָן — 15
בײם קבֿר פון אבאָ שטאָלצענבערג — 16
ווערטער — 17
יידיש-פאָרשער — 18
דער יונגער דיכטער — 19
צו יוסף ראָלניקן — 20
מאַני לייב — 21
אין יענע ערשטע טעג — 23
וואַן גאָג בילדער — 24
עס האָט אים צום קבר באַגלייט — 25
עמיליע דיקינסאָן — 26
פילגערשאַפט — 27
דו ביסט געבענטשט — 28
יאָ, דו ביסט ווייב — 29
אין טונקעלקייט — 30
האַרבסט — 31
דער ריח און דער רויש — 32
באַנאַכט — 33
פיינט געגנען — 34
לידער — 35
אין דעם טורעם פון עלפאַנט-ביין — 36
וואָרט און טאַט — 37

זייט

II

אָפּשייד לידער — 40
געשפיגלט האָט דער זומער — 42
קומט אַרויס און זעט — 43
האַרבסט — 44
אלול — 45
דער אורוואַלד ברומט — 46
אידן — 47
אַהיימקער — 48
ביאַליק ביינאַכט אין די יידישע געטאָס — 49
פון שטאָל און אייזן שמיד אויס אַ האַרץ און קום — 52
גאָטס בונקער געוויין — 53
דער מערדער און זיין גאָט — 54
זכר ונקבה יחיו — 55
עס וויינט דאָס האַרץ — 56
דער זיגער — 58
אַ מענטש קען זיין — 59
פאַראַנען פרייד אין זאַמלען ווערטער — 60
אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט — 61
לערן מיך — 62
אַ וואַריאַציע — 63
אייביקער שומר — 64
אַ מולטערל מיט שטערן — 65
דאָס וואָרט — 66
שטיל ווי אַ ליכט — 67
איך בין געקומען מיט אַ רעש — 68
אַ פלאַטער אויף — 69
אַן איינאונאיינציק אות — 70
והיה — 71